# דער פירער

מיר זיינען ווייט
אין אויפגעשטויבט אומענדלעכע גאַסן
ווי אין שטיקער מדבר זיך פאַרגאַנגען.
אַז געמיטער גייען אויס: „אַ טרונק!"
טאָ ווער וועט זיי דערלאַנגען?

מיט בלאַנדושען, מיט צעהיצטער מידקייט
זיינען פול די פאַלדן פון אונדזער ראָק.
הערצער בייגן זיך אין ווי קעמלען
און נעמען אויף די לאַסט פון טאָג.

קיין פאַלמע, קיין קוועלכל, אַזוי בלאַנקען דורך פייער
און איינציקווייז שטאַרבן אין זאַמד, ביז וואַנען?
האַלטסט די זון ביים אויג ווי אַ לאַרנעטע,
גאָט, זיי דער פירער פון קאַראַוואַנען!...